ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 55

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

### אלע מחשבות וואס עסן אויף דיין געזונט, זאג עס ארויס

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וירא, י"ג מר-חשון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווען עס קומען אריין מחשבות 'וואס וועט זיין?' וואס וועט זיין מיט דיין ווייב, אפשר גייט זי האבן מיט די נערוועו; זאלסטו נישט לאזן די מחשבות דיך אויפעסן דיין געזונט, נאר זאג ארויס די מחשבות צום אייבערשטן, מאך א תפילה צום אייבערשטן, בעט אים פאר אירע נערוועו, פאר איר געזונט.

אויך ווען עס קומען דיר אריין די מחשבות 'אפשר וואלט ווען בעסער געווען אפצולאזן די שידוך וכו', ווען עס האט געהייסן אז וכו'"; זאלסטו נישט לאזן די מחשבות דיך פייניגן און דיך הרג'ענען, נאר זאג ארויס די מחשבות צום אייבערשטן, זאג אים פינקטליך וואס דו טראכסט, און בעט אים ער זאל עס אוועק נעמען פון דיר.

זאלסטו נישט לאזן די מחשבות דיך פייניגן און דיך הרג'ענען, נאר זאג ארויס די מחשבות צום אייבערשטן, זאג אים פינקטליך וואס דו טראכסט, און בעט אים ער זאל עס אוועק נעמען פון דיר

#### מען דערציילט אלע ווייטאגן פארן אייבערשטן

באהאלט זיך אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן, די בעסטע פלאץ זיך צו באהאלטן איז ביים אייבערשטן. דוד המלך בעט דעם אייבערשטן (תהלים יז, ח): "בְּצֵל כְּנָפֶיךָ, תַּסְתִּירֵנִי", ער איז רואיג, ער זאגט צו זיך "וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ אֶחְסֶה", איך וועל זיך באהאלטן אין די שאטן פונעם אייבערשטן, "עַד יַעֲבֹר הַוּוֹת", ביז די צרות וועלן אריבערגיין, אויך זאגט דוד המלך: "וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ אֲרַנֵּן", אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן זינג איך און איך לויב אים, עס איז דאך אזוי גוט ווען מען אנטלויפט צום אייבערשטן, מען רעדט צו אים, מען דערציילט אים אלעס, מען דערציילט אלע ווייטאג, און אויך "וּבְצֵל כְּנָפֶיךָ אֲרַנֵּן", אויך זינגט מען צו אים.

### "ווערטעלע ווערטעלע, דו ביסט נישט ווערט א קרעכץ"

ווערטעלע ווערטעלע - האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט - "דו ביסט נישט ווערט א קרעכץ"; די לעבן גייט אריבער און די גוטע זאכן וואס מען כאפט ארויס - דאס בלייבט, די תורה, תפילה און גמילת חסדים - הפצה - געבן צו טועם זיין דעם רבינ'ס גוטע מאכלים פאר אנדערע - נאר דאס בלייבט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

### וואס טו איך אז מיין טאטע מאכט זייער אנצויגן דעם גאנצן שבת?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב אייך געוואלט זייער באדאנקען פאר אלע שיעורים און חיזוק וואס געבן מיר ממש לעבן. א גרויסן יישר כח.*

*מיין טאטע מיט מיינע ברידער זענען געקומען צו מיר אויף שבת, איך האב אריינגעלייגט אסאך כוחות און געלט אז דער שבת זאל זיין שיין און געלונגען, אז יעדער זאל זיין זייער צופרידן, למעשה האט זיך עס אבער אויסגעלאזט זייער נישט גוט. מיין טאטע איז געווען זייער נערוועז דעם גאנצן שבת, יעדע מינוט האט ער געשריגן אויף א צווייטן קינד, און וויפיל איך האב פרובירט צו מאכן א געשמאקע אטמאספער ביים טיש, האט ער ווייטער געהאלטן אין איין שרייען און מאכן אנגעצויגן די לופט.*

*פארשטייט זיך אז אלעמאל איז ער גערעכט מיט זיינע טענות, און וואס איך טו איז קיינמאל נישט גוט, אזוי איז אלץ די שבתים אויך ביי אים אינדערהיים, אלץ איז אנגעצויגן און נערוועז.*

*מיין שאלה איז צי איך דארף נאך גיין צו אים אויף שבתים, אז מיין ווייב און מיינע קינדער צאלן זוכן ביינע שבת טיש מיט כעס און עגמת נפש. ער פארלאנגט אז מיר מוזן קומען יעדע פאר וואכן, וואס דארפן מיר צו טון?*

*א גרויסן יישר כח נאכאמאל אויף אלעס.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת פנחס, כ"ב תמוז, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחיה מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן; ווער עס הערט דעם רבינ'ס עצות און התחזקות ווערט אן ערליכער איד, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן, מען הייבט אן לערנען און דאווענען און די גאנצע לעבן ווערט אן אנדערע סארט לעבן.

**ווער עס הערט דעם רבינ'ס עצות און התחזקות ווערט אן ערליכער איד, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן, מען הייבט אן לערנען און דאווענען און די גאנצע לעבן ווערט אן אנדערע סארט לעבן**

בנוגע דיין טאטע וכו'; וויסן זאלסטו אז כיבוד אב ואם איז נישט קיין גרינגע מצוה מקיים צו זיין, אבער ווער עס איז נזהר אין די מצוה איז זוכה אז זיינע קינדער וועלן זיך אנשטרענגען אים צו מכבד זיין און אזוי אויך פארקערט; אויב מען פירט זיך נישט מיט דרך ארץ צו די עלטערן וועלן די קינדער זיך אויך פירן מיט חוצפה.

### א פחד פון א מעשה

דער הייליגער בן איש חי זכותו יגן עלינו ברענגט א פחד פון א מעשה (ספר בן יהוידע על מסכתא בבא מציעא דף לג): עס איז געווען א גרויסער גביר וואס האט געהאט אן אלט'ן טאטע'ן אן ארימאן, דער גביר האט נישט אכטונג געגעבן אויף זיין טאטע, ער האט אים ארויסגעווארפן פון שטוב און ער האט געדארפט שלאפן אין גאס מיט אנדערע ארימעלייט; ויהי היום עס איז געווען אינמיטן ווינטער, זייער א קאלטע טאג, ווען דער אלטער טאטע איז געזיצן אין גאס פרירנדיג פאר קעלט, איז דארט אריבער זיין אייניקל - א זון פון דעם גביר, האט דער זיידע געבעטן זיין אייניקל: "איך בעט דיר, גיי בעט דיין טאטע זאל אויף מיר רחמנות האבן און מיר שיקן א ווארעמע מלבוש אז איך זאל נישט אויסגיין פאר קעלט דא אין גאס, דער אייניקל איז אהיים געקומען און געבעטן: "טאטע, האב רחמנות אויף זיידי; זיידי בעט א ווארעמע קלייד", האט דער גביר געזאגט צו זיין זון: "גיי ארויף אויבן אין בוידעם, דארט האב איך אן אלטע קלייד וואס איך דארף סיי ווי נישט, דאס קענסטו טראגן פאר'ן זיידע'ן".

דער זון איז ארויף אין בוידעם און געטראפן אן אלטע קלייד פול מיט ריסן און גרויסע לעכער. ער איז געווארן זייער אויפגערעגט, ער האט גענומען א שערל, איינגעקנייטשט דעם קלייד און דאס צעשניטן אין האלב. ווען זיין טאטע - דער גביר האט געזען אז דער זון קומט נאך נישט אראפ, האט ער ארויף געשריגן צום בוידעם: "וואס טוסטו אזוי לאנג אין בוידעם? גיי שוין מיט דעם קלייד צו מיין טאטע!" דער זון האט זיך אבער ווייטער פארזוימט, ער האט געענדיגט שניידן דעם קלייד אויף צוויי שטיקלעך און אראפ געקומען צו זיין טאטע מיט איין שטיקל קלייד, האט אים דער טאטע געפרעגט: "פארוואס האסטו צעשניטן דעם קלייד אויף צוויי שטיקלעך?" האט ער געזאגט פאר זיין טאטע: "**איין שטיקל לייג איך אוועק פאר דיר**, ווען דו וועסט ווערן אן אלטער מענטש וועל איך דיר ארויס ווארפן פון שטוב און ווען עס וועט קומען ווינטער און דו וועסט זיין קאלט וועל איך דיר שיקן דעם צווייטן חלק פונעם קלייד, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עיין תנחומא לך לך, ט): '**מַעֲשֵׂה אָבוֹת** - **סִימָן לְבָנִים**', ווי אזוי די פירסט זיך מיט דיינע עלטערן וועל איך זיך פירן מיט דיר"; האט דער טאטע זיך געכאפט ביים קאפ וואס ער האט געטון און ער האט אהיים גערופן זיין אלטן טאטע'ן, ער האט אים אריין גענומען אין שטוב און אים איבערגעבעטן.

עס איז כדאי דו זאלסט נאכקוקן די מעשה ווי אזוי ער ברענגט דאס, מער באריכות.

### אפילו דיין טאטע שרייט וועסטו אים ווייטער מכבד זיין

נאך די מעשה וועסטו שוין וויסן ווי אזוי זיך צו פירן מיט דיין טאטע; אפילו דיין טאטע שרייט און האלט דיר פאר וכו' וכו' וועסטו אים ווייטער מכבד זיין און וויזן פאר דיינע קינדער ווי אזוי א איד פירט זיך מיט א טאטע. דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו אלעס גוטס.

שרייב מיר נאך, וועל איך דיר מדריך זיין אויפן זיסן וועג וואס מוהרא"ש האט געלערנט מיט אונז; די וועג פון הייליגן רבי'ן, ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו האבן א חיים טובים, א לעבן פון גן עדן אויף די וועלט.

א גוט שבת.

**ווי אזוי גייט מען ארויס פון חובות?**

**דורך די שיעורים האב איך אויפגעהערט זיך שעמען מיט מיין טאטע**

*קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**